שפילט ק. אין לאָנדאָן, און פון 1954 ביז 1961 גאַסטראָלירט ק. עטלעכע מאָל אין מדינת ישראל, בעלגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק, שוועדן, נאָרוועגן, פינלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך. 1959, נאָך זיין פרויס קראַנקייט, ווערט ק. געצוווּנגען אויפצוטרעטן אינדי־ווידועל מיט „איין מענטש־פּראָגראַמען".

1961־62 גרינדעט ק. דאָס פּאַריזער יידישע קונסט־טעאַטער אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות מיט י. שיין אַלס רעזשיסער און שפּילט דאָרט אין צוויי פּיעסן: „די האַרענטע פון שלאָס" פון לאה גאָלדבערג און גאָלדפאַדנס „צוויי קוני לעמל" און דערנאָך פאָרט ק. אַליין אויף טורנעען איבער די סקאַנדינאַווישע לענדער, באַזוכט צפון־אַמעריקע, שפּילט עטלעכע מאָל אין מדינת ישראל (דירעק־ציע — ליפּמאַן, דערנאָך דיר. — לוקא אברון), דייטשלאַנד, עסט־רייך, פראַנקרייך, און צוזאַמען מיט דער ישראל־אַרטיסטקע און זינגערין רות מיימאָן טרעט ער אויף אין 1968 אין בוענאָס איירע־סער טעאַטער „מיטרע" (דיר. — ווילי גאָלדשטיין און מרים לע־רער), ווו זיי הייבן אָן מיט שלום־עליכמס „טוביהס טעכטער", וואָס זיי מוזן אָבער איבעררייסן צוליבן קאָנטראַקט, וואָס עס האָבן אויף דער טעמע פון דער פּיעסע די אויפפירער פון „פידלער אָן די רוף", און ק. שטעלט דאָרט „שווער צו זיין אַליין", זיין פּיעסע „די מוזינקע אויסגעגעבן" און די פּיעסן „דעם קלעזמערס קינדער" „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" און „זיסע חלו־מות".

אין 1969 גאַסטראָלירן בײדע ווידער אין ישראל מיט דער מע־לאָדראַמע „פּאַפּירענע קינדער" און צוויי רעווי־פאָרשטעלונגען און פאָרן צוריק שפּילן אין פּאַריז.

ק. האָט אויך געשריבן אין די הונדערטער סאָלאָ־לידער, דועטן, שטייגער־סצענקעס און סקעטשעס, וואָס זיינען געזונגען און גע־שפּילט געוואָרן איבער פּוילן.

ק. איז אַ מיטגליד אין די פראַנצויזישע אָרגאַניזאַציעס פון קאָמפּאָזיטאָרן, דראַמאַטורגן און מעכאַנישע פאַרוויילונגען.

ש. ע.


ZEEV BEN CHAIM — UN "TEVIE" AUTENTIC IMPRESIONANT, "VIATA NOASTRA", July 9 1945.

(־צע) — אַ יידיש טעאַטער ווערט געשאַפן אין נידער־שלעזיע, „דאָס נייע לעבן", נ׳ 3, (28).

בן־א. ס. — די נייע שוישפּילער געסט אין גרענד פּאַליי, „די אידישע שטימע", לאָנדאָן, מאַי 1952.

S. I. — TEATR ZYDOWSKY NA DOLNYM SLASKU, TRYBUNA DOLNOSLANSKA", No. 218 (239).

(—) THESE JEWISH PLAYS YOU MUST SEE, "SHOW BUSINESS" Oct. 25, 1952.

A. B. L. — DIE MEZINKE OISGEGEBEN, "THE JEWIS CHRONICLE" LONDON, Oct. 10, 1952.

א. ש. יוריס — „די מוזינקע אויסגעגעבן", „אונדזער היינט", תל־אביב, 10 דעצ. 1954.

ישראל ל־ן — „די קרייצער סאָנאַטאַ", „אונזער שטימע", פּאַריז, 14 מאַי 1956.

BM — JUDISKA SKADESPELARE SPELA REVY HELA VARLDEN RUNT, "GOTESBORGS-FOSTEM", Oct. 6 1956.

ALEX ESSER — JIDDISH TEATER, "AFTONSTON", STOCKHOLM, Oct. 8, 1956.

ח. ע. [ערענרייך] — באַוואוסטער אַקטיאָר זלמן קאָלעשניקאָוו דאָ צוגאַסט, „פאָרוו.", נ. י., 22 יוני 1962.

(—) — דוד קאָלעשניק, עלטסטער ביאַליסטאָקער פּליכטלינג, געשטאָרבען אין ניו־יאָרק, „פאָרוו.", נ. י., 3 אַפּריל 1963.

F. SCHLANG — "CIEZKO BY WDOWCEM", "NOWINY I. KURIER", Sep. 5, 1963







שרה פרנקל — במות ופרגוד, „חרות", תל־אביב, 1965.

ישראל חדש — פון יידישן טעאַטער לעבן אין ישראל, „יידישע צייטונג", תל אביב, יולי 1965.

א. ש. יוריס — „טוביה דער מילכיקער", „לעצטע נייעס", תל אביב, 16 יולי 1965.

שלמה פרײַנק — זלמן קאָלעשניקאָוו אַלס „טוביה דער מילכיקער", „וועלט־זשורנאַל"

ק. שמעון — זלמן קאָלעשניקאָוו, „לעצטע נייעס", תל אביב, 28 פעבר. 1969.


## געזעלשאַפטלעכער יידישער טעאַטער אין דעטראָיט

אויסער די עטלעכע ניט־געלונגענע פּרוּוון, וועלכע מאָריס שוואַרץ האָט געמאַכט צו געבן זיין יידיש קונסט־טעאַטער אַ גע־זעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, איז נאָר באַקאַנט איין פאַל, וואָס די יידישע געזעלשאַפט אין לאָס אַנדזשעלעס (זע „טעאַטער־לעקסי־קאָן" זז. 29־5073) איז צוגעצויגן געוואָרן און האָט דורכגעפירט די עקזיסטענץ פאַר אַ קורצע צייט פון פּראָפעסיאָנעל יידיש טעאַ־טער. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע (ניו־יאָרק, שיקאַגע, קליוולאַנד, מילוואָקי) האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס און אַקטיוויטעט אַרום יידיש טעאַטער, אָבער נאָר פאַר ניט־פּראָ־פעסיאָנעלע גרופּעס.

דער איינציקער פּרוּוו צו שאַפן אַ דירעקט געזעלשאַפטלעכן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער איז געמאַכט געוואָרן אין דע־טראָיט, און כאָטש דער פּראָיעקט האָט ניט אָנגענומען קיין פאָרם פון פאַרווירקלעכונג, האָט ער אָבער אין זיין צייט אַרויסגערופן אַ זייער שטורמישע דיסקוסיע.

איינער פון ז״ אַקטיווסטע טוער אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען דער דעטראָיטער תושב ש. ב. לייקין, וועלכער באַ־שרייבט עס אין זיין בוך „זכרונות" אויף פאָלגנדיקן אופן:

„אין 1940, גלייב איך, איז געקומען קיין דעטראָיט אַ יונגער־מאַן, וואָס איז געווען ניט לאַנג אין לאַנד ...באַלד איז ער געוואָ־רן אַן אַריינגייער צו אונדז אין שטוב ... ער איז געווען אַן אינ־טעליגענטער מענטש און זייער באַהאַוונט אין יידישע אָנגעלעגנ־הייטן. ...איך רייד דאָ, וועגן מאַרק יואַווילער [געוו. פאַרוואַל־טער פון יידישן אַקטיאָרן פאַריין אין פּוילן] און וועגן זיין פּלאַן צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעך טעאַטער אין דעטראָיט. ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם ענין, האָט ער זיך אַזש פאַרכלינעט. עס ווערט געשאַפן אַ קאָמיטעט, און איך מוז צושטיין צום קאָמי־טעט: מיין נאָמען און מיינע געשעפטס־פעיקייטן וועלן צוגעבן דעם פּלאַן פיל חשיבות, און אָן מיר וועט פון דעם גאָרניט ווערן. ... איך האָב אים אָפּגעפטרט מיט אַ וויץ. ווען איך בין געבליבן אַליין, האָב איך גענומען די זאַך איבערטראַכטן. עס וואָלט געווען גוט, אַז דעטראָיט זאָל שאַפן דאָס טעאַטער. די לאַגע פון (יידישן) טעאַטער איז אַזאַ שלעכטע און עס גייט צו ערגערס. אפשר איז יואַווילערס פּלאַן טאַקע אַ גוטער. איך וועל זיך דורכריידן מיט נאָך עטלעכע מענטשן, וועמען יידישע קולטור איז נאָענט און טייער. איך האָב זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט מאַקס האָלצמאַן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט נאָר ווייסט ער פון דעם פּלאַן, נאָר ער איז אַזוי באַגייסטערט, אַז ער זעט שוין די מעגלעכקייטן און טאַקע אין דער נאָענטער צוקונפט אָנצוהייבן שפּילן טעאַטער. ...ער

האָט מיר אויסגערעכנט אַ צעטל פון נעמען, באַקאַנטע אין שטאָט מיט זייער אינטערעס פאַר יידישער קולטור־אַרבעט.

...ווען יואווילער איז געקומען דאָס צווייטע מאָל אין שטוב אַריין, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל אַריין אין קאָמיטעט. זיין פרייד איז געווען אָן אַ שיעור. נאָך פיל זיצונגען איז באַשלאָסן געוואָרן:

1) שאַפן אַ פאָנד פון הונדערט טויזנט דאָלאַר כדי צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון טעאַטער אויף עטלעכע יאָר.

2) צוציען צו דער אַרבעט אַלע שיכטן אין יידישן לעבן: דער שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, דער אַרבעטער־רינג, די פועלי־ציון און דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד זיינען געווען דער רוקנביין. אָבער מען מוז אויך צוציען די לאַנדסמאַנשאַפטן, די שולן, צווייגן פון בני ברית און גלאַט יחידים, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם.

אין משך פון אַ פאָר חדשים איז געשאַפן געוואָרן אַ באַוועגונג, וואָס דעטראָיט האָט ביז אַהער נאָך ניט געזען. אַפילו רבנים, אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע, סתם שול־יידן זיינען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג. זיי האָבן געפירט אי פּראָפּאַגאַנדע, אי אַ געלט־אַקציע. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָבן מיר געשאַפן נאָנט צו דער אָנגעמערקטער סומע אין צוזאָג, און 10 פראָצענט איז געווען איינגעצאָלט פאַר לויפנדיקע הוצאות.

אונדזער פלאַן איז געווען צו אַנגאַזשירן עלף שוישפילערס און זיי צאָלן אַ גאַראַנטירטן געהאַלט פאַר 48 וואָכן אַ יאָר, זיי זאָלן שפילן צוויי מאָל אַ וואָך פאַר דערוואַקסענע; אַ קאָמיטעט זאָל באַשטימען וועלכע פיעסן עס זאָלן געשפילט ווערן. איינמאָל אַ וואָך, שבת בייטאָג, זאָל געשפילט ווערן ספּעציעל פאַר קינדער. צוויי מאָל אַ וואָך זאָל די טרופּע שפילן פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטן. ...מיר האָבן אויך געפלאַנט צו שאַפן אַ דראַמאַטישע שולע פאַר יוגנטלעכע. די פלענער זיינען געווען שיינע, אָבער ווען מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט דער אַקטיאָרן־יוניאָן, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע שוועריקייטן, אַז מיר האָבן זיך ניט געקאָנט צונויפרעדן מיט ראובן גוסקין. (דער דעמאָלטיקער פאַרוואַלטער פון דער יוניאָן). אַלס מענטש פון דער סוחרישער וועלט האָב איך אין אָנהייב געמיינט, אַז גוסקין וויל קריגן בעסערע שכירות און קאָנדיציעס פאַר די יוניאָן שוישפילערס און עס איז בלויז אַ פראַגע פון דינגען זיך ביז מען וועט קומען צו אַן אויסגלייך. אָבער באַלד איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז ניט אין דעם גייט עס, ווייל די שכירות, וואָס מיר האָבן געוואָלט צאָלן, זיינען געווען בעסערע ווי די אַקטיאָרן האָבן געקראָגן אין ניו־יאָרק. ער האָט פשוט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ געזעלשאַפטלעך טעאַטער ...אפשר האָט דאָ צוגעשפילט דער פאַקט, וואָס יואווילער, דער דירעקטאָר פון אַקטיאָרן־פאַרבאַנד אין פוילן, איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם פלאַן. גוסקין האָט זיך אויסגעדריקט, אין אַ פריוואַטן שמועס, אַז ער וועט ניט דערלאָזן, אַז דער „גרינער" זאָל ברענגען נייע פאַראַנדקעס אַהער אין אַמעריקע. דער פאַרדרוס איז אָבער געווען אַ סך גרעסער אויף אונדזערע שרייבערס און טאָנגעבערס, מילא, גוסקין, אַ מענטש מיט שמאָלע האָריזאָנטן, איז צוגעגאַנגען צום גאַנצן ענין ווי אַ יוניאָן־באַאַמטער, און פון זיין שטאַנדפונקט איז ער אפשר געווען גערעכט ווען ער האָט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן איינלייגן די סומע, וואָס דאַרף באַטרעפן אַ יאָר שכירות. ער האָט ניט געגלייבט אין דער אידעע און ניט



געהאַט צו אונדז קיין צוטרוי. און ווען מיר האָבן באַשלאָסן דאָס צו טאָן, האָט ער געמאַכט אַנדערע שטערונגען. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן דאָס לעצטע וואָרט וועמען מיר זאָלן אַנגאַזשירן.

דורך די לאַנגע חדשים פון די אַלע אונטערהאַנדלונגען, האָט בלויז איין יואל ענטין אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן אונדזער פלאַן, אָבער מיט מיין גרעסטן רעספּעקט פאַר דעם אָנדענק פון דעם חשובן שרייבער, מוז איך צוגעבן, אַז ער האָט אונדז ניט געטאָן קיין טובה. ער האָט די אידעע שוין פאַרוואַנדלט אין אַ פאַקט, און ער האָט אים אויפגעהויבן ביזן זיבעטן הימל. מיר אַליין זיינען נאָך ניט געווען קלאָר בנוגע דעם צוזאַמענשטעל פון פערזאָנאַל און וואָס מיר וועלן אויפפירן, וויפל מאָל אַ וואָך (עס וועט געשפילט ווערן) און געווען פאַרנעפלט אין צענדליקער אַנדערע פראַגעס. יואל ענטין האָט שוין אין פלאַן אַריינגעלייגט זיינע אייגענע חלומות און האָפענונגען און אים געמאַכט פאַר אַ ווירקלעכקייט.

...אונדזער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין ניו־יאָרק. ערשטנס, זיך צו טרעפן מיט גוסקינען און זען, אַז ביי דער באַגעגעניש זאָלן אויך זיין שלמה מענדעלסאָן און נחום כאַנין. אפשר מיט זייער הילף וועלן מיר זיך קאָנען צונויפרעדן. אין דער דעלעגאַציע זיינען געווען מאַקס האָלצמאַן און איך. מיר האָבן געהאַט אַזאַ צוזאַמענטרעף ...דער שמועס האָט זיך פאַרצויגן אַ פאָר שעה, אָבער צו קיין טאָלק זיינען מיר ניט געקומען. ...אונדזער צווייטע קאָרט איז געווען זיך צו זען מיט יידישע שרייבערס און זיי באַווירקן אַריינצוקוקן אין גאַנצן עסק, אַז זיי זאָלן שרייבן וועגן דעם ענין בכלל, צי אונדזער פלאַן איז אַ געווינטשענער, וווּ זיינען מיר גערעכט און וווּ זיינען מיר זיך טועה, אָדער דער גאַנצער פלאַן טויג ניט ...מיר האָבן געוואָלט הערן קאָנסטרוקטיווע קריטיק, מיט דער האָפענונג. אַז פון דעם קאָנען זיך אויסקריסטאַליזירן צוויי זאַכן: איינס, וואָס אַזאַ טעאַטער דאַרף זיין. צווייטנס, דעת הקהל וועט שוין צווינגען גוסקינען ניט צו זיין קיין אבן נגף. האָבן מיר זיך געטראָפן מיט איינעם פון אונדזערע גרויסע שרייבערס ... אַ גרויסער וואָרט־קינסטלער און שרייבט אַליין דראַמעס, און ווי יעדער שרייבער וויל ער מסתמא, אַז זיינע דראַמעס זאָלן געשפילט ווערן. [אויף אַלע זייערע רייד, האָט ער געענטפערט]: „איז וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס גייט עס מיך אָן וואָס אַ פאָר יידן ווילן טאָן אין דעטראָיט?!" ...נאָך יענער באַגעגעניש האָבן מיר שוין מער ניט געוואָלט זען אונדזערע גדולים. ווען מיר זיינען געקומען צוריק אין דעטראָיט, האָבן מיר זיך גענומען ליקווידירן דעם גאַנצן פלאַן. עס איז געווען אַ שיינער חלום. אַמאָל טראַכט איך, אַז ווען ער זאָל געווען פאַרווירקלעכט ווערן, וואָלט עס אונדז געווען פאַרשאַפט אַ סך זאָרג. אָבער דאָך איז אַ שאָד, וואָס דער חלום איז אויסגערונגען געוואָרן".

**דער איניציאַטאָר פון דעם דעטראָיטער טעאַטער, מאַרק יוווילער, באַהאַנדלט קודם־כל די פּראָבלעמען פון יידישן טעאַטער:**

„...דער יידישער טעאַטער־וועזן ליגט אין אַמעריקע אין פריוואַטע הענט. פאַר דעם פריוואַטן אונטערנעמער איז אומעטום דאָס מאַכן גוטע געשעפטן דער איינציקער ציל. דערצו נאָך איז דער יידישער טעאַטער־אונטערנעמער (מיט געציילטע אויסנאַמען) אַ געשעפטסמאַן מיט אַן אָריענטאַציע אויפן לויפנדיקן טאָג און ניט קיין טיפ פון אַ געשעפטסמאַן מיט ברייטערע פערספּעקטיוון. דער פריוואַטער אונטערנעמער שטיצט זיך אין טעאַטער אויף דעם אַזוי גערופענעם „סטאַר". אַנשטאָט דער „סטאַר" זאָל האַמעווען די

אַלן זיין מענטשן, וואָס פאַרשטייען די אחריות, וואָס ליגט אויף פיאָנערן פון אַ יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער. די אַקטיאָרן דאַרפן זיין פראָפעסיאָנאַלן און ניט קיין אַמאַטאָרן. עס דאַרפן אויסגעקליבן ווערן קינסטלער, וואָס טעאַטער איז זייער באַרוף, און ניט בלויז אַ צופאַל. די אַקטיאָרן דאַרף מען פאַרזיכערן עקאָנאָמיש, אָבער זיי דאַרפן אין דער זעלביקער צייט שעצן זיך גליקלעך, וואָס זיי ווערט אָנפאַרטרויט די בויונג פון אַ יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער. ו) אין דעם גאַנצן טעאַטער־בנין, אין אַלץ, וואָס איז מיטן טעאַטער פאַרבונדן, אין אַלע פרטים, אַפילו אין די מינדסטע. מוז הערשן דער גייסט פון אַ יידישער קולטורעלער סביבה".

**זלמן זילבערצווייג באַמערקט דערצו:**

„איך געדענק גאַנץ גוט יענע עפּאָכע, און ווי אַ נאָנטער מענטש צו ביידע צדדים, צו יואווילער מיט וועמען איך בין געווען גוט באַקענט נאָך פון פוילן און מיט ראובן גוסקין מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַמעריקע, איז דער סכסוך געווען גאָר אויף אַן אַנדערע ליניע. ווי גוסקין האָט מיר איבערגעגעבן, איז מאַרק יואווילער, צוגעטראָטן אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפטלעך יידיש טעאַטער אין דעטראָיט אין וועלכן ער האָט געוואָלט ברעכן דעם רוקנביין פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן, דורך אָוועקשטעלן דעם פרינציפּ, אַז מיטגלידער פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן אין אַמעריקע זאָלן דאָרט ניט אַנגאַזשירט ווערן, נאָר אַלע מיטגלידער פון דער טרופּע דאַרפן זיין יידישע שוישפּילער פון פוילן, וועלכע געפינען זיך אין אַמעריקע און שטייען מחוץ דער יוניאָן. אויסערדעם האָט די יוניאָן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די צוגעזאָגטע געזעלשאַפטלעכע געלטער, און געפאָדערט אַ שטאַרקע גאַראַנטיע דערפאַר, ווייל דאָס געשאַפענע מזומן־געלט איז אַוועקגאַנגען אויף אַדמיניסטראַטיווע הוצאות און אין דער קאַסע געבליבן פאַר דער פראַקטישער עקזיסטענץ פון דעם טעאַטער".

ש. ע. פון זלמן זילבערצווייג.

„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו־יאָרק, 195, צווייטער באַנד, זז. 89־488.

מאַרק יואווילער — יידיש טעאַטער איז וועגן געזעלשאַפטלעך, „די צוקונפט", נ. י., נאָוו. 1942.

שמואל־בער לייקין — „זכרונות פון אַ פראַקטישן בעל־חלומות", דעטראָיט, 1970, זז. 199־194.

## ווערימע, ס.

[ס. ווייסבלאַט]

געבוירן אין בעסאַראַביע, געלעבט אין אָדעס, וווּ ער איז געווען אַ שילער פון דער רוסישער דראַמאַטישער שול און געהערט צו דער איניציאַטיוו־גרופּע מיט וועלכער פרץ הירשביין האָט אין 1908 געגרינדעט די „הירשביין־טרופּע". שפּעטער געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר און באַזונדערס געווען פּאָפּולער איבער רוסלאַנד ווי אַן אויסגעצייכנטער פאָרלייענער פון שלום־עליכמן.

וו. איז געווען איניציאַטאָר און פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע צו שאַפן אַ יידישן אַרטיסטן־פאַריין און איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון די יידישע אַקטיאָרן אין קיעוו.



אין 1969 איז וו. געשטאָרבן אין מאָסקווע.

**זינע ראַפעל שרייבט אין איר בוך „פיר דורות יידישע טעאַטער":**

„געווען אַ סטודענט, געענדיקט די אָדעסער הויך־שול. זעענדיק אסתר־רחל קאַמינסקיס שפּילן, זיך פאַרליבט אין יידישן טעאַטער, און ער איז געוואָרן אַזאַ הייסער פאַרערער פון אסתר־רחלן, אַז ער איז מיט איר מיטגעפאָרן אויף אירע טורנעען איבער רוסלאַנד, און מיט זיין הויכער אינטעליגענץ האָט ער אַ סך ביייגעטראָגן פאַרן יידישן טעאַטער. דער ווערימע האָט זיך דאָס גענומען אָרגאַניזירן די יידישע אַקטיאָרן און ער האָט אָנגעהויבן גרייטן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אַקטיאָרן קיין קיעוו.

דערווייל, זייענדיק אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט ער אָרגאַניזירט אונדזער טרופּע.

. . . . (שפּעטער איז) פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר אין קיעוו. אפשר פינף הונדערט אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען געווען אויפן צוזאַמענפאָר און מען האָט באַשטימט, אַז דער הויפּט זיץ־אָרט פון דער אַקטיאָרן־אָרגאַניזאַציע זאָל זיין אין כאַרקאָוו. ווערימע זאָל זיין דער אָנפירער, אַלע יידישע טעאַטערס איבער רוסלאַנד זאָלן האָבן איין הויפּט־קאַסע, וואָס זאָל זיך געפינען אין דער אָרגאַניזאַציע — אין כאַרקאָוו".

ש. ע. פון מאיר מעלמאַן און יעקב בעלצער.

נחמיה צוקער — „פיר דורות יידיש טעאַטער", בוענאָס איירעס; זז. 329, 2־331.

## קאַבאַק, יאַשאַ

געבוירן 1903 אין וויטעבסק, ווייס־רוסלאַנד. פאָטער — אַ האַנטווערקער. געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע מלמדים. אין 1922, נאָכן בירגער־קריג, האָט ק. שטודירט אין מאָסקווע אין מוזיק־שול וואָקאַליש־געזאַנג, און אין 1924, בעת קלאַראַ יאַנג האָט גאַסטראָלירט אין רוסלאַנד, איז ער דאָרט געווען טעטיק אַלס כאָריסט און שפּילער פון קליינע ראָלן. אַ דאַנק זיין אויסגעצייכנטער טענאָר־שטים האָט ער זיך שנעל אַרויסגערוקט צו באַקומען מער פאַראַנטוואָרטלעכע גרעסערע געזאַנג־ראָלן און געשפּילט מיט קלאַראַ יאַנג ביז 1928.

אין 1929 איז ק. אַריינגעטראָטן אין אוקראַאינישן מלוכה־טעאַטער פון קליינער פאָרמעס „געזבולט" און האָט דאָרט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט

ק. איז געווען דער מאַן פון יעווא שאַראַוונער.

ווייטערדיקער גורל — אומבאַקאַנט.

ש. ע. פון מאַרק לייפציקער.

## פרידמאַן, יצחק

געבוירן אין לובלין, פוילן. געווען אַ גאָלדשמידט, און ווי אַ ניט־פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, מיטגעאַרבעט אין „הצפירה" אַלס דערציילער, אויך אין יידיש אין די זאַמלביכער, אַרויסגעגעבן פון א. מ. ווייסענבערג. געקומען אין אַרגענטינע אין אָנהייב זעכציקער פון זיין לעבן, איז אים געווען שווער זיך צוצופּאַסן צו דער אַלגעמיינער סביבה, דערונטער אויך צו דער שרייבער־וועלט. מען פלעגט אים דעריבער זייער זעלטן זען אין דער מסיבה פון יידישע שריי־